# די פיר קשיות פון אַן „אַמעריקאַן באָי“ *)

— טאַטע, איכ'ל דיך פרעגן פיר קשיות:

ד י ע ר ש ט ע ק ש י ה וועל איך דיך פרעגן: מ ה נ ש ת נ ה ה ל י ל ה ה ז ה — וואָס איז פאַרענדערט געוואָרן די דאָזיקע נאַכט פון פסח פון אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר?

ש ב כ ל ה ל י ל ו ת — אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר עסן מיר וואָס מיר ווילן, סיי אַ יידישן סטייק, סיי פּאָרק טשאַפּס, סיי פיש מיט כריין, סיי אויסטערס, סיי לאָקשן־קוגל, סיי פּאַמפּקין־פּאַי. ה ל י ל ה ה ז ה — די דאָזיקע נאַכט פון פסח עסן מיר נאָר מצה און נאָר מרור. און אַז מיר ווילן עסן חמץ, האָט אונדז די מאַמע אַנגעזאָגט, קאָנען מיר גיין אין אַ רעסטאָראַן אויף בראָדוויי, וואָרעם אין שטוב איז באַ איר, זאָגט זי, סטריקטלי פּסחיק. ס'איז אומעטום, אין יעדן ווינקעלע, כשר און קלין. סע שעמערירט און סע פינקלט, דישעס האָט מען געקויפט שפּאָגל־נייע, נאָר־וואָס פון סטאָר. די פוירניטשור האָט מען איבערגעפוצט. די טירן געוואַשן. די ווינדעס געקלינט. די וודווירק איבערגעוואַרנישט. סיידי דאָס דינסטמיידל געבשרט. עס לאָזט זיך הערן פון קיך אַ ריח פון שטאַרק־געפעפערטע פיש, אַ גערוך פון גענזנשמאַלץ. מע האָט געמאַכט צו דער יויך פענקייקס און בלינטשיקעס, היימישע קניידלעך און ברעמזלעך און פּאַלירטשיקעס. אונדז האָט מען פּלוצעם געהייסן אָנטאָן די העטס, אויסגעזעצט אַרום טיש, געגעבן אונדז אין די הענט אַריין סידורימלעך מיט הגדות, מיר זאָלן אַריינקוקן.

— זיצן מיר, ווי די דאַמים, און מיר קוקן, ווי די האָנעז און „בני־אדם“...

וואָס איז דאָס פאַר אַ קאָמעדיע? ווי אַזוי הייסט די פּליי?...

• • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • •

האָב איך דיך, טאַטע, געפרעגט איין קשיה.

ד י אַ נ ד ע ר ע ק ש י ה וועל איך דיך פרעגן:

פאַר וואָס האָט עפּעס די מאַמע אַפּגעשיקט די קריסטלעכע קעכן אויף אַ גאַנץ פּסח? וואָס שעמען מיר זיך אַזוי מיט אונדזער יום־טוב?

צי שעמען מיר זיך דערמיט, וואָס מיר האָבן זיך אַליין באַפרייט פון גלות־מצרים און געוואָרן פון שקלאַפן, פון ציגיינערס, אַ פאָלק?

צי מיר שעמען זיך מיט משה רבינוס בייבעל?

צי מיר שעמען זיך מיט אונדזער בית־המקדש, וואָס איז געווען, זאָגט מען, אַ טעמפּל, אַ גאָטס־הויז פאַר אַלע פעלקער?

צי מיט אונדזערע מלכים שעמען מיר זיך, מיט אונדזערע קעניגן, וואָס האָבן זיך

---

*) דער דאָזיקער אַמעריקאַנער וואַריאַנט פון „מה נשתנה“ איז געשריבן געוואָרן פון שלום־עליכם אין ניו יאָרק, אין יאָר 1916.

אויסגעפיינט ניט נאָר מיט מלחמות, מיט בלוטפּאָרגיסונגען אַליין. זיי האָבן, זאָגט מען, געשריבן זעלטענע ביכער און געזונגען הייליקע לידער' פּסאַלמען?

צי מיר שעמען זיך מיט אונדזערע נביאים די פּראָפעטן, וואָס האָבן זיך ניט געזשעניִרט אויסצוזאָגן פעלערן דעם גרעסטן פּאַרשוין, אַפילו דעם קעניג אַליין, אים זאָגן דעם אמת גלייך אין פּנים אַריין?

צי מיר שעמען זיך אפשר דערמיט, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן זיך געלאָזט, זאָגט מען, שניידן און בראָקן, בראָטן און ברענען, הענגען און טרינקען, קוקן ווי מע קוילעט די קליינע קינדער פאַר זייערע אויגן, שפּרינגען אין פייער אַף קידוש־השם און שרייען בשעת־מעשה: „שמע ישראל!" — אָט דערמיט שעמען מיר זיך???

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

האָב איך דיך, טאַטע, געפרעגט צוויי קשיות.

די דריטע קשיה וועל איך דיך פרעגן:

פאַר וואָס האָסטו אונדז אָפּגעגעבן אין סקול, מיר זאָלן לערנען נאָר ענגליש אַליין, און האָסט פאַרגעסן אונדז לערנען יידיש, אונדזער אייגענע שפּראַך?

אָדער די שפּראַך, וואָס אַף איר איז געשריבן די ביבעל, די שפּראַך, וואָס אַף איר האָבן גערעדט די נביאים, די שפּראַך, וואָס אַף איר איז פאַראַן, זאָגט מען, אַ רייכע, אַ שיינע ליטעראַטור?

פאַרוואָס האָבן מיר אויסגעחזרט די היסטאָריע פון אַלע פעלקער, די אַלטע און די נייע, נאָר די היסטאָריע פון איין פאָלק האָבן מיר דורכגעלאָזט — די היסטאָריע פון אונדזער אייגן יידיש פאָלק?

פאַר וואָס זיינען מיר קלאָר אין דער געאָגראַפיע פון דער גאַנצער וועלט, נאָר נישט אין דער באַשרייבונג פונעם לאַנד פון אונדזערע עלטערן, פון ארץ־ישראל?

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

האָב איך דיך, טאַטע, געפרעגט דריי קשיות.

די פערטע קשיה וועל איך דיך פרעגן:

פאַר וואָס וויסן מיר, ווען איז כריסטמאַס, ווען איז וואַשינגטאָנס בוירטס־דעי, ווען איז לינקאָלנס בוירטסדעי' ווען איז דעקאָריישאַן־דעי און טהענקס־גיווינג דעי — און מיר ווייסן ניט, ווען איז חנוכה, וואָס איז פּורים, ווען איז סוכות און וואָס באַדייט פּסח?

פאַרוואָס ווייסן מיר, ווער איז געווען שעקספּיר, מילטאָן, לאָנגפעלאָו, דיקענס און טעקעריי, עדגאַר פּאָו און מאַרק טוויין, און מיר ווייסן נישט, ווער איז געווען יהודה הלוי, לעווינזאָן, אַבראַמאָוויטש, ביאַליק און נאָך און נאָך אונדזערע אייגענע דיכטער און שריפטשטעלער?

פאַר וואָס, און פאַר וואָס, און פאַר וואָס?... פאַר וואָס זאָל איך דיך איבער־הויפּט דאַרפן פרעגן קשיות?

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

האָב איך דיך שוין, פאָטער, געפרעגט אַלע פיר קשיות.

אַצינד בעט איך דיך, דו זאָלסט מיר ענטפערן אַ תירוץ אַף מיינע קשיות.

און אַז דו וועסט מיר נישט ענטפערן קיין תירוץ אַף מיינע קשיות, וועל איך דיר אַליין ענטפערן אַ תירוץ:

עבדים היינו...